שנה ד'
נומער 183
פרשת ואתחנן
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



**געדאנקען:**
זכרונות פון רבי אביגדור מיללער זצ"ל



**מיט א טיפערן בליק:**
שעמען פון וועמען?



**פאר די ברסלב'ע שטוב:**
דעקן די חובות



## דער ראש ישיבה באזוכט אין אינגל קעמפ – מיטוואך דברים

אנשי חיל
י"ד - ט"ו מנחם אב
$1,000,000
DRYVEUP.COM/BRESLEV
718-568-5743

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyoimiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
ואתחנן י"א אב תשפ"ג

הדלקת הנרות........08:03
מוצאי שבת ............09:32
מנחה מעריב עקב ... 09:10


4 שטעטל נייעס
חנוכת הבית ביים בנין אברהם הערש אין מחנה אילן החיים



5 היכל הקודש נייעס
יערליכע אנשי חיל קאמפיין אריין אין קראפט

6 געדאנקען
דער מסירת נפש איד רבי מענדל פוטערפאס זי"ע



14 מיט א טיפערן בליק
שעמען פון ווענען?



19 די ברסלב'ע שטוב
דעקן די חובות



24 קינדער אפטיילונג
חידות, שיחות, מעשיות פון תפילה און נאך






מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יואל לאנדא הי"ו**
**וזוגתו חוה לאה תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה הערשל בוים הי"ו**
**וזוגתו שרה תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

שלום עליכם!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**הרב אלחנן רוטה שליט"א**
**וזוגתו נחמה אסתר תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל, און זען אסאך נחת פון די קינדער.

ניחום אבלים!

מיט גרויס טרויער טוען מיר אלע טרייסטן

**מרת מלכה שניטצלער תחי'**
**אשת מו"ה יואל מנחם גרשון הי"ו**

**צו די פטירה פון איר מאמע ע"ה**

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל נאר הערן גוטע בשורות ביי גאנץ כלל ישראל בבנין בית המקדש במהרה בימינו.




# חלומות פון מיליאנען אמעריקאנער פארפאלן אין איין מינוט

פארגאנגענע וואך איז די גאנצע מידיא געווען אויף מיט די לאטערי נייעס. זיי האבן נישט אויפגעהערט רעדן איבער דעם גרויסן לאטערי וואס האט זיך געהויבן צו ריזיגע ציפערן, אזש ביז איבער א ביליאן דאלער, און ווערט באצייכענט אלס איינע פון די העכסטע לאטערי ציפערן אין די אמעריקאנער היסטאריע. די סיבה פארוואס עס איז אנגעקומען דאס מאל אזוי הויעך איז צוליב וואס עס איז שוין דורך 38 מאל אין א צי וואס עס איז נישט געווען קיין געווינער פארן העכסטן פרייז.

אויף די אלגעמיינע גאס, האט די לאטערי משוגעת איבערגעדרייט אמעריקע, און טראצדעם וואס אפילו די לאטערי באאמטע אליינס האבן מודה געווען, אז די שאנסן צו באקומען דעם געווינס, איז וויניגער פון איינס פון דריי הונדערט טויזנט, זענען מענטשן ווי אראפ פון זינען און געלאפן קויפן טיקעטס. אין זייער קאפ האבן זיי זיך שוין געזען ווי ביליאנערן, און האבן שוין געהאט חשבונות און חלומות וואס מען וועט טון מיט דאס געלט.

מען האט דן געווען צו מען וועט נעמען דער געווינס אויף איין מאל און דארפן פארציכטן אויף א האלבע ביליאן דאלער, אדער וועט מען נעמען פעימענטס פון עטליכע פאר דרייסיג יאר, מענטשן האבן געחלומ'ט און גע'דמיונ'ט איך גיי מיר קויפן א הויז, א קאר, א פליגער, און מען האט זיך אייגערעדט אז מארגן בין איך ביליאנער...

אבער אלע זייערע חלומות זענען נעבעך צערינען אין די סעקונדע די זייגער האט געקלאפט צוועלף כחצות הלילה דאנערשטאג נאכט פרשת דברים, ווען די לאטערי באאמטע האבן אויסגערופן די נומערן, און מיליאנען אמעריקאנער בירגער זענען נעבעך געבליבן אויסגעשפילט מיט זייערע אלע דמיונות אין מיסט.

ביי אידישע קינדער האט מען אבער געדענקט אז מיט געלט קען מען נישט קויפן קיין סיפוק, מיט געלט קען מען נישט קויפן קיין נחת, שלום בית אדער געזונט. "וואס קען מען קויפן מיט געלט?" זאגט אלץ דער ראש ישיבה, "איין זאך קען מען טון מיט געלט: געבן פאר די ווייב זאל קענען באשטעלן א רוימערקע".

אבער די גוים וועקן זיך נישט אויף, אפאר טעג נאכדעם וואס די געוואונס איז געווארן ארויסגעצויגן, האט זיך געהויבן א אנדערע לאטערי גאר הויעך, און ווייטער זענען די גוים געווארן פריילך אז אפשר יעצט גייט זיי די מזל שפילן, און זיי וועלן ווערן גאר רייך. נעבעך!

דער אמת'ער לאטערי האט דער אויבערשטער געגעבן מיר זאלן עס קענען קויפן בחנם, און דער וואס קויפט עס איז א זיכערע געווינער. "די עשירות" - זאגט דער ראש ישיבה כסדר - "איז ביי דיר אין בוזעם טאש", אז דו האסט דארט א משניות, א תהלים, א גמרא'לע און דו כאפסט ארויס א פסוק דא, און א פרק דארט, דאס איז אמת'ע עשירות.

עס דרייען זיך ברוך השם צווישן אונז גאר גרויסע עשירים, אידן וואס האבן שוין דורכגעלערנט גאנץ ש"ס, ירושלמי, תוספתא, מדרשים, זוהר הקדוש, רמב"ם, טור, שולחן ערוך, חסידישע ספרים, הלכה ספרים, און דעם רבי'נס ספרים, דאס איז אמת'ע עשירות, און דאס איז רייכטום וואס קיינער וועט אונז קיינמאל נישט קענען צונעמען. דער פארמעגן וועט אונז היטן אויף דער וועלט און וועט מיטגיין מיט אונז אויך אויף יענע וועלט.

**אין מלווין לו לאדם אלא מצוות ומעשים טובים**

# שטעטל נייעס

## סעודת ראש חודש און חנוכת "בנין אברהם הערש" אין מחנה אילן החיים



פארגאנגענעם מיטוואך דברים - ראש חודש אב - האבן די קינדער אין מחנה אילן החיים געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה איז זיי געקומען באזוכן אין קעמפ, ווי עס איז פארגעקומען א גרויסע מעמד לכבוד דאס באנייען פונעם נייעם בית המדרש "בנין אברהם הערש" אין מחנה אילן החיים.

דער גרויסער באזוך האט זיך אנגעהויבן אינדערפרי ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז געקומען דאווענען שחרית מיט די קינדער אינעם נייעם בנין בית המדרש, צום שיינעם באזוך האבן זיך מיטגעכאפט אויך די בחורים פון ישיבה און אפאר פון אנשי שלומינו וואס האבן נישט געוואלט ארויסלאזן דעם געלעגנהייט מיטצוהאלטן דעם שיינעם מעמד.

מען האט אראפגעלייגט א געשמאקע ווארימע דאווענען מיט הלל און מוסף, און נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א און דער נדבן מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו געקלאפט מזוזות אויף די טירן צום בית המדרש.

תיכף נאכדעם האט מען סערווירט א רייכע פרישטאג וסעודות ראש חודש. ביים סיום האט מען ארויפגערופן די קינדער וואס האבן געמאכט סיומים און משניות, גמרא און אזוי אויך אינעם רבינ'ס ספרים. אויך האט די נדבן הבנין געמאכט א סיום משניות דעם זעקסט און נייינציגסטע מאל.

דער ראש ישיבה האט מכבד געווען דעם נדבן מו"ה אברהם הערש הי"ו צו זאגן אפאר ווערטער, ר' אברהם הערש האט ארויסגעברענגט זיין גרויסע שמחה און וויפיל ער איז דאנקבאר דעם אויבערשטן אויף די זכי' אז ער איז מקורב צום הייליגן רבי'ן, און נאך מער אז ער האט נאך אלץ א געפיל צום הייליגן רבי'ן, און ער האט געהאט די זכי' צו מנדב זיין א בנין פאר די הייליגע מוסדות.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט אפאר ווערטער, און ארויסגעברענגט אז דער נדבן איז נישט סתם אבי ווער, ער איז א גרויסער עושר, מיט גאר א גרויסע פארמעגן, נעמליך דער נדבן פארמאגט אין זיין באנק אַקאונט שוין מער פון זעקס און נייינציג מאל ששה סדרי משנה, א פארמעגן וואס זייער ווייניג פארמאגן, און א פארמעגן וואס פארמאגט די בעסטע אינשורענס וואס קיינער קען נישט צונעמען.

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט צו די קינדער איבער די גרויסקייט פון לערנען תורה, און ארויסגעברענגט אז די גאנצע וועלט שטייט נאר אויף די תורה וואס די קינדער תינוקות של בית רבן לערנען, אבער - האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט - עס איז דא עפעס וואס איז נאך גרעסער פון דעם, דרך ארץ. דרך ארץ קדמה לתורה, פארוואס איז עס גרעסער? ווייל נאר אזוי קען מען מצליח זיין צו לערנען. דער ראש ישיבה האט שטארק ארויסגעברענגט וואס דאס מיינט האבן דרך ארץ פאר די מלמדים און מחנכים, און אז דאס איז די שליסל צו קענען מקבל זיין און וואקסן און שטייגן בתורה ויראת שמים.

נאכן בענטשן איז דער ראש ישיבה געגאנגען מיט די קינדער אין וואלד ווי עס געפונען זיך די דריי גרויסע כיתות, ווי די קינדער לערנען יעדן טאג צווישן די ביימער, דער ראש ישיבה שליט"א איז געגאנגען צו יעדע כתה באזונדער, און געגעבן א שמועס פאר די קינדער וויאזוי מען דארף זיך פירן מיט דרך ארץ, וואס דאס איז געווען ביים הייליגן רבי'ן די וויכטיגסטע זאך.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א ארייגערופן אפאר פון די טאטעס פון די קינדער און זיי איבערגעגעבן ווי שיין זייער קינד פירן זיך מיט דרך ארץ.

דער באזוך האט איבערגעלאזט גאר א גרויסע רושם אויף די סטעף און אויף די קינדער וואס האבן זיך פריש באנייט מיט'ן לערנען און מיט מידות טובות.

# היכל הקודש נייעס

אמעריקע

## יערליכע אנשי חיל קאמפיין אריין אין קראפט

אנשי חיל

אין די טעג גרייט מען זיך צום יערליכען קאמפיין לטובת די הייליגע מוסדות, ווי אנשי שלומינו וועלן ארויסווייזן זייער הכרת הטוב פארן ראש ישיבה שליט"א וואס געבט זיך אוועק פאר אונז זיינע טעג און נעכט כדי מיר זאלן האבן א געשמאקע לעבן מיט אונזערע משפחות, און כדי מיר זאלן האבן מוסדות ווי מען לערנט מיט די קינדער אויפן הייליגן און אויסגעטרעטעטענעם וועג וואס מיר האבן מקובל פון אונזערע עלטערן און רבי'ס, און נישט פארפאלן ווערן אינעם היינטיגן שווערן דור וואס איז פילט מיט נסיונות.

ביים היי יעריגן אנשי חיל קאמפיין וועלן אנשי שלומינו נעמען א ציל, און זיך נעמען צו די ארבעט פון רופן די באקאנטע קרובים און שכנים, און זיי אנווארימען צו געבן פאר די הייליגע מוסדות. די עסקנים האבן געבעטן אז מען זאל טון אזוי ווי פאריאר ווען מען האט געבעטן אז מען זאל ענדערש נעמען א קלענערע ציל וואס מען שפירט אז מען קען עס אנקומען, און דערנאך עס איבערגיין, איידער נעמען אומרעאליסטישע צילן און עס נישט דערגרייכן.

מיטן אויבערשטענ'ס הילף וועט מען נוצן דאס געלט פאר פילע וויכטיגע צוועקן אזוי ווי מען האט געטון ביז יעצט, ווי בויען שולן, מקוואות, חדרים, שולעס, און אנדערע ציבור'ישע געברויכן. ברוך השם אז דער ציבור וואקס קיין עין הרע און מען נויטיגט זיך שטארק זיך אויסצובררייטערן ביי פילע זאכן, יעצט וועט מען האבן די געלעגענהייט צו שטיין צו די האנט פונעם ראש ישיבה שליט"א.

אין א שמועס מיט'ן ראש ישיבה אויפן האטליין מיט די ברסלב'ע ברודער, האט דער ראש ישיבה גאר שטארק ארויסגעברענגט ווי וויכטיג עס איז דוקא צו גיין נאך געלט, און מיט דעם אראפנעמען פון זיך אלע עבירות און קליפות וואס נעמט ארום דעם מענטש, און מען קען זען קלאר אז גיין נאך געלט איז סאך שווערער ווי זאגן 18 פרקים משניות אדער אלע אנדערע עצות וואס דער הייליגער רבי געט אונז, זעט מען פון דעם אז דא ליגט עפעס אין דעם.

די וואס ווילן נעמען א ציל זאלן זען צו רופן וואס שנעלער מו"ה אהרן פיש הי"ו אויף 347-889-9892 אדער מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו אויף 347-466-2410, אדער רופט אריין אין אפיס 718-568-5743.

אין די זעלבע צייט גייט אן ביי די פרויען א גאר גרויסע "נשי חיל" קאמפיין ווי די לעידיס אקזולערי לייגן אריין אסאך שעות אויפצוטרייבן נדבות פון אידישע קינדער, וואס ווי די עבר האט געוויזן האבן זיי אריינגעברענגט ריזיגע סכומים צום קאמפיין. די פרויען וואס ווילן זיך אנשליסן קענען רופן מרת אפעל אויף 347-496-6683.

ביי די היי יעריגע קאמפיין האט מען צוגעלייגט שיינע מתנות פאר די וואס שאפן גרעסער סכומים, די וואס וועלן אנקומען צום סכום פון $7,000 וועלן האבן די זכי' און קענען מיטפארן מיט א נסיעה קיין ארץ ישראל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א. און די וואס גרייכן $2,600 וועלן זיך קענען באטייליגן צו א געשמאקע שבת התוועדות מעין עולם הבא מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

דאס יאר האט מען זיך געמאכט א ציל אז די גאנצע קאמפיין זאל גרייכן א מיליאן דאלער, וואס לויט ווי די קהילה וואקסט קיין עין הרע, און בפרט לויט די ווארימקייט וואס מען זעט און מען האט געזען אין די פארגאנגענע יארן, דארף מען מיטן אויבערשטנ'ס הילף קענען צוקומען צו דעם ציפער.

ביים סוף פונעם קאמפיין קומענדיגן זונטאג ראה וועט פארקומען גאר א שיינע מסיבה הכרת הטוב, פאר אלע וואס העלפן ארויס אינעם קאמפיין, עס וועט זיין גאר א שיינע פראגראם, אויך וועט ווערן פארטיילט מתנות געוואנדן לויט די סכומים וואס מען ברענגט אריין. זעט מער אינעם עד ביים סוף פונעם בלעטל.




# קענסט די מינע מענטשן וואס פעיגערן און פעיגערן?

משה אורי' שניטצלער

דעם פארגאנגענעם שבת קודש פרשת פנחס אינדערפרי, ביי סיפורי מעשיות, האט דער ראש ישיבה דערמאנט דעם באוואוסטן מסירות נפש איד, דעם דערהויבענעם חב"ד'סקער חסיד, הרה"ח רבי מענדל פוטערפאס זכרונו לברכה.

שכח אייבערשטער אז איך האב ברוך השם, פארכאפט צו זען דעם דערהויבענעם איד.

זיין אייניקל הרב זלמן ליבערואוו שליט"א איז איינס פון די פיר טויזנט חב"ד שליחים איבער דער גארער וועלט.

אין פלעטבוש, אויף אושן עווענ'ו, צווישן "N" און "O" געפינט זיך דער אפענער הארץ און אפענער חב"ד שטיבל פון הרב ליבערואוו שליט"א.

איך האב געלערנט אין פלעטבוש פון די זעכצן און א האלב ביז מיין חתונה. קודם אין א קליינע ישיבה און שפעטער אין מירער ישיבה אויף אושן פארקוועי. די קליינע ישיבה האט זיך געפינען נישט ווייט פון די חב"ד שטיבל. דארט האב איך פארכאפט צו זען דעם מסירות נפש'דיגן איד, וואס איז געווען אין סיביר פאר לאנגע יארן. ער האט געוואוינט א שטיק צייט ביי זיין אייניקל הרב ליבערואוו שליט"א.

די נאמען פון רבי מענדל פוטערפאס איז בלויז איינס פון א לאנגע רשימה פון גוטע אידן וואס איך פלעג אלץ ליב האבן צו גיין זען, און נישט נאר גוטע אידן, נאר אויך טיפן און פיגורן, איינפלוסרייכע מענטשן, מחברים און שרייבער, דענקער און דיכטער, די ליסטע איז גאנץ לאנג.

די מעשה וואס דער ראש ישיבה האט דערציילט פון רבי מענדל פוטערפאס, האט צו טון מיט די קונסט וואס רופט זיך "טייט ראופ".

ס'איז בעיקר א שמועס פון זיך פארלאזן אויפ'ן אייבערשטן, כגמול עלי אמו.

אין די וועלט פון ווילדע אטעם-איינהאלטנדע קונצלערייען איז פארהאן א ספארט וואס הייסט "טייט ראופ".

אין יאר תשל"ד האט מען געצויגען א שטריק איבער די צוויי "טווין טאוערס", וואס איז געווארן אראפגעשאסן דרייסיג יאר שפעטער, סעפטעמבער עלעווען, אין א טערער אטאקע וואס האט געברענגט אפצושטעלן אלע פליגערס אין גאנץ אמעריקע פאר פינף טעג, דערנאך עטליכע פליגערס אויף וואס ברסלב'ע חסידים האבן געהאט זייער טיקעט אנצוקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה.

א וועלטס-קונסטלער מיט'ן נאמען פיליפ פעטיט האט אריבער שפאצירט דעם שטריק צווישן די צוויי טורעמס ביי א הויכקייט פון א פערטל מייל! פערצן הונדערט פוס הויך!

אז דו ווייסט נעמען די היכל הקודש בילדינג אין אומאן און דו ווייסט אויפשטעלן צוואנציג פון דעם, איינס

העכערן צווייטן, איז עס נאך אלץ וויניגער ווי די טווין טאווערס! און פיליפ שפאצירט דארט אין די הייעך!!

אין זיינע הענט האט ער געהאט א לאנגע דיקע שטעקן פון זעקס און צוואנציג פיס לאנג, אז דאס זאל אים העלפן באלאנסירן זיין רייזע דארט צווישן די וואלקענעס.

רבי מענדל פוטערפאס האט דערציילט (כ'האב פארגעסן צו ס'איז געווען א מעשה אדער א משל) אז איינמאל האט א טייט ראופ קינצלער צוגעלייגט גאר א שרעקעדיגע חלק צו די מעשה, ער האט גענומען א קונצליכע וועגעלע און אריינגעלייגט דערין א קינד און אדורך דעם טייט ראופ מיט'ן קינד אין א טייט-ראופ-וועגעלע!

שפעטער האט מען געפרעגט דעם קינד, האסט נישט מורא געהאט אז דער מענטש קען דיך בטעות אראפלאזן?

האט דאס קינד געענטפערט, דער מענטש איז מיין טאטע..... ער האט מיר שוין געוויזן טויזנטער מאל אז ער וועט מיך נישט אראפלאזן.

אזוי דארף א מענטש פילן, איך האב נישט מורא ווייל דער אייבערשטער איז מיט מיר, ער האט מיר שוין געוויזן טויזנטער מאל אז ער וועט מיך נישט אראפלאזן.

נישט נאר רבי מענדל האב איך געזען אין פלעטבוש.

כ'האב אלץ ליב געהאט צו גיין נאשן דא און דארט, זען און הערן נייע זאכן, און חשוב'ע אידן. אין פלעטבוש איז געווען דעמאלטס צוויי מאדזשיצ'ער שטיבלעך, איינס אויף קאני איילענד עוועניו, און איינס אויף א צוויי דריי גאסן ארויפציר, איך בין געווען ביי



רבי מענדל פוטערפאס ז"ל

ביידע. איך פלעג ליב האבן צו הערן מאדזשיצ'ער ניגונים. אויף קאני איילענד עוועניו האב איך געהערט ר' בנציון שענקער ז"ל זינגען פלאי' פלאים'דיגע מאדזשיצ'ער ניגונים.

ביי די זייט פון ר' בנציון שענקער איז געווען, נישט קיין צווייטער ווי דער וועלט באוואוסטער קלארינעטיסט און מאנדאליניסט אנדי סטאטמען.

דארט אין מאדזשיצ'ער שטיבל אויף קאני איילענד עוועניו האב איך געהערט דעם "אזכרה", מ'זאגט אז דער ניגון האט זעקס און דרייסיג פעלער, כ'געדענק נישט וויפל פעלער כ'האב געהערט דארט, אבער ס'איז געווען גאנץ א לאנגע ניגון.

די מעשה וואס מ'דערציילט איז, אז דער דברי ישראל מ'מאדזשיץ זי"ע האט געמאכט דעם ניגון בשעת אן אפעראציע, אנשטאט אן איינשלעפונג (אנעסטיזשיע). מ'זאגט אז ער האט

אינזין געהאט צו באוויינען אז ירושלים איז חרוב און די שטאט בערלין (וואו עס האט זיך געפינען די שפיטאל וואס מ'האט אים אפערירט) שטאלצירט מיט הויכע פעסטע בנינים. דערפאר האט ער פארפאסט דעם ניגון אויף די ווערטער אזכרה אלקים ואהמיה בראותי כל עיר על תילה בנויה ועיר האלקים מושפלת עד שאול תחתי-ה. ובכל זאת וכו' (וואס מ'זאגט ביי סליחות און יום כיפור ביי נעילה).

די ליסטע פון טייערע חשוב'ע אידן וואס איך האב געזען אין פלעטבוש איז גאנץ לאנג. כ'פלעג זען הרב הגאון רבי אביגדור מיללער זכר צדיק לברכה.

עס איז באוואוסט אז ווען רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו פלעגט הייסן ארייגשטעלן אין ניו יארק טיימס אז די ממשלת הכופרים זענען נישט די פארטרעטערס פון כלל ישראל, איז ער געזיצן פאר עטליכע שעה מיט רבי אביגדור מיללער זכרונו לברכה דורכצוגיין פונקטליך בכל פרטיה



דברי ישראל מ'מאדזשיץ זי"ע

ודקדוקיה דעם נוסח אז דער מעסעדזש זאל זיין קלאר און פארשטענדליך פאר אלע וואס ווילן דאס זען.

רבי אביגדור מיללער ז"ל איז געבוירן אין אמעריקע און גערעדט א גוטן ענגליש און דער רבי זי"ע האט געפילט אז ער פארשטייט אים און וועט ארויסברענגען דעם מעסעדזש קלאר אזוי ווי עס באדארף צו זיין.

רבי אביגדור מיללער'ס אייניקל, הגאון ר' אלי' בראג שליט"א איז געווען פון די געהויבענע לומדים אין מירער ישיבה ווען איך האב געלערנט דארט, נאך די שיעורים פון הגאון רבי שמואל בירנבוים זכרונו לברכה, פלעגט ער איבערגיין דעם שיעור, מ'זאל בעסער פארשטיין די עומק הדברים.

כ'פלעג גיין צו שיעורי ליל ששי פון הגאון הגדול ר' שלמה ברעוודא זכרונו לברכה וואס איז פארגעקומען אין בית המדרש פון הגאון ר' פייוול כהן זכרונו לברכה, בעל מחבר בדי השולחן אויף יורה דעה, דאס איז געווען די בית המדרש וואס איז אמאל געווען דער דעעש'ער בית המדרש פון כ"ק אדמו"ר ר' אלימלך אלתר פאנעטה מ'דעעש זכרונו לברכה, בן כ"ק אדמו"ר ר' יוסף מ'דעעש זצ"ל. דער בית המדרש געפינט זיך אויף אושן עוועניו, צווישן "ען" און "אר".

יעדן מוצאי שבת קודש פלעגט הרב ברעוודא פארלערנען אין "טעלזער מנין" אויף זעכצנטע עוועניו, פלעג איך כאפן א היטש פון וויליאמסבורג קיין בארא פארק צו הערן דעם וועכנטליכן שיעור.

כ'בין געווען עטליכע מאל שלש



רבי אביגדור מיללער זצ"ל

סעודות ביי הגאון הגדול דער טענקע'ר רב זכרונו לברכה, אין בית המדרש פון ישיבה מקדש מלך אויף אושן פארקוועי. (מיר זענען געווען קרובי משפחה, ווייל מיר זענען אייניקלעך פון זיין זיידן (זיין טאטע'ס טאטע) ר' יעקב פרץ פריעדמאן אב"ד אודווארי).

ר' יעקב פרץ מ'אודווארי איז געווען א זון פון ר' יצחק אייזיק פריעדמאן מ'ניערעדהאז (שוואגער פון הרה"ק ר' הירצקא'לע ראצפערט'ער זי"ע) און א איידעם פון ר' מנחם גרשון גרינוואלד אב"ד קערעסטיר זי"ע. (מיין ברודער הר"ר יואל מנחם גרשון הי"ו הייסט נאך אים).

כ'האב עטליכע מאל געזען דעם גרויסן גאון און עילוי עצום הגאון רבי משה דוד שטיינווארצל זכרונו לברכה, ראש ישיבת באבוב.

זיינע טיפזיניגע כשרונות זענען געווען א וואונדער נאך פון זיינע קינדערישע יארן. ווען הגאון הגדול רבי יעקב פלאנצגראבן זכרונו לברכה, ראש ישיבת תורה ודעת, האט קענען געלערנט דעם קינד, האט ער זיך זייער משתעשע געווען מיט אים, און אים באגלייט אויף אן אופן אז ער זאל טאקע אויסוואקסן דער גרויסער גאון אין תורה אז די וועלט זאל נהנה זיין פון זיינע אויסערגעווענליכע כשרונות. נאך אלץ קינד איז ער שוין געווען בקי אין שב שמעתתא און אין נאך אסאך טיפע ספרים.

הגרמ"ד איז נעבעך אוועק פון דער וועלט אין בליענדן עלטער פון זיבן און פופציג. און גדולי ישראל האבן שטארק באוויינט די אבידה. איך האב געזען הגרמ"ד איין טאג פאר ער איז נעבעך טראגיש נפטר געווארן פלוצלונג פון איין מינוט צום צווייטן.

כ'האב אים געזען אויף א שבת ביי א ברית פון א אייניקל, און א טאג דערויף איז ער נעבעך אוועק פלוצלונג פון א הארץ אטאקע ר"ל.

הגרמ"ד איז געווען א אייניקל פון דעם בית אפרים, הגאון ר' אפרים זלמן מרגליות מ'בראד זי"ע. דער בית אפרים איז איינער פון די פינף הסכמות וואס איז געדרוקט אין ליקוטי מוהר"ן.

דער בית אפרים איז געווען א אייניקל פון דעם תבואות שור, הגאון ר' אלכסנדר סנדר שור זי"ע. ביי דעם ברית האט מען געגעבן דאס קינד א

נאמען אלכסנדר סנדר. איך בין געווען ביים ברית ווייל מיין ראש ישיבה דארט איז געווען א איידעם פון הגרמ"ד. איך געדענק ווי הגרמ"ד האט זיך מפלפל געווען ביי די שבת'דיגע סעודה אין די הלכה צו מ'מעג אדער מ'מעג נישט עפענען סאדע באטלעך אום שבת (דוכט זיך מיר אז די תוכן השאלה איז געווען צו מ'זאגט אז דו מאכסט די דעקל פון די סאדע פאר א נייע כלי).

דעם נעקסטן טאג, ווען ער איז נפטר געווארן זענען מיר געגאנגען אזוי צען אדער עלף אזייגער ביינאכט צו זיין בית המדרש, ביי עוועניו "דזשעי". מען האט געלייגט די מטה פארנט פון די ארון הקודש, און מענטשן האבן געזאגט תהלים, משניות, וכדומה, איך בין געווען א אינגער בחור, און כ'האב נישט געגלייבט וואס איך זע, כ'האב קיינמאל פארדעם נישט געזען א נפטר. מ'האט באדעקט די מטה, פארשטייט זיך, אבער מ'האט געקענט זען קלאר וועלכע זייט איז די קאפ, און וועלכע זייט איז די פיס, בקיצור, מיר איז געווארן שלעכט..... איך בין געווארן אזוי דערשראקן, אז לאנגע וואכן און חדשים האב איך געהאט קאשמארן פון זען די מטה.

איך וועל אייך זאגן, מילד גערעדט, ווען איך וואלט דעמאלטס געהאט דעם אשר בנחל, וואלט עס מיר גוט צוניץ געקומען!

מוהרא"ש זי"ע פלעגט אויך רעדן פון רבי מענדל פוטערפאס זכרונו לברכה.

איינמאל ווען איך בין געווען ביי די דאנערשטאג נאכט שיעור פון מוהרא"ש זי"ע האט ער נאכגעזאגט פון רבי מענדל פוטערפאס אז אין סיביר האט ער געזען וואס מיינט נישט קוקן אויף א צווייטן. ווייל מענטשן פלעגן דארט נעבעך פאלן ווי די פליגן פון די שטערבליכע פראסטן און הונגער, פלעגט מען אויסלייגן די נפטרים איינער לעבן צווייטן, און ר' מענדל פלעגט זיך באטראכט ווי אלע נפטרים זענען מיט די אויגן אויף ארויף, צום הימל, קיינער קוקט נישט אויפ'ן צווייטן נפטר, וואס ליגט גלייך לעבן אים. אזוי האט מוהרא"ש דערציילט.

רבי מענדל האט געהאט זעקס קינדער, פיר זענען אוועק אלץ קינד, איין טאכטער איז אוועק אין א עקסידענט איבערלאזנדיג עלף יתומים, זיין זון ר' בערל איז געווען פון די אנפירער'ס פון חב"ד אין לאנדאן.

רבי מענדל איז געווען פארשיקט צען יאר אין סיביר.

וואס קענען מיר זיך אפלערנען פון א איד וואס האט אזויפיל געליטן? וואס קענען מיר זיך אפלערנען פון א איד וואס איז געווען צען יאר אין סיביר?!

אפשר זאלן מיר אויך טון א טראפעלע מסירת נפש, אביסל אוועק געבן פון אונזער באקוועמליכקייט.

אפשר זאלן מיר מקרב זיין נאך איין איד צו דעם רבינ'ס זיסע לעכטיגע עצות.

אפשר זאלן מיר רחמנות האבן אויף מענטשן וואס מיינען נעבעך אז ער האט באקומען א נישט געלונגענע ווייב, קיינער האט אים נישט אויס געזאגט דעם סוד אז א מאן און ווייב וואס רעדן שיין איינער צום צווייטן ווערן ביידע מער און מער געלונגען......

אפשר זאלן מיר העלפן נאך איין איד זאל וויסן אז מ'קען רעדן צום אייבערשטן אזוי ווי צו א גוטן פריינד. אז מ'קען שמועסן מיט'ן אייבערשטן. אז מ'קען בעטן דעם אייבערשטן וואס מ'וויל.

דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז פרשת ואתחנן איז א גרויסע חיזוק אויף תפלה, ווייל ווען משה רבינו וואלט געבעטן פינף הונדערט און זעכצן תפילות אריינצוגיין אין ארץ ישראל, וואלט ער אריין. זעט מען אז מ'קען יעדע זאך פועל'ן אין הימל. נאר נישט אויפהערן צו בעטן דעם אויבערשטן.

אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט אלץ נאך בשם הרה"ק רבי מאיר פרעמישלאנער זי"ע אז תפלה הייסט אויך א לשון פון "פעיגערן".

דו קענסט די מינע מענטשן וואס פעיגערן און פעיגערן און מ'קען נישט לויז ווערן?

דו קענסט דעם מענטשט וואס נודזשעט און מוטשעט?

דו קענסט דעם מענטשט וואס טרעט נישט אפ?

דו קענסט דעם מענטש וואס כאפט נישט אז מ'איז שוין זאט פון אים?

דו קענסט דעם מענטש וואס דרילט דעם מח און לעכערט די אויער?

אזוי דארף מען מוטשען דעם אייבערשטן, און אזוי קומט אן צו די ישועה שנעלער ווי מ'מיינט.



# "מעשיות פון תפילה"

## ברוך נויסבוים - בני ברק:

א גרויסן יישר כח באזונדער פאר יעדע אויסגאבע און יעדע ארטיקל, מחי' נפשות ממש, אשריכם מזכי הרבים וואויל איז אייך בזה ובבא.

איך האב געהאט ברוך השם א שיינע מעשה פון תפילה, וואס פון דעם ווייזט זיך ארויס די ליבשאפט וואס דער הייליגער באשעפער האט צו אונז, און ווי נאנט ער איז צו אונז און הערט אויס אלעס וואס מיר בעטן, מיר דארפן נאר אויפמאכן די מויל און אנהייבן רעדן צו אים, דאנקן און בעטן.

געלויבט דער אייבערשטער איך האב זוכה געווען צו ווילן שבת קודש פרשת דברים שעעל"ט - שבת אויפריף - שבת יארצייט פונעם הייליגן האר"י זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן אין עיר הקודש צפת ת"ו.

ערב שבת נאכן ארויס גיין פונעם הייליגן שינאווער רב'ס מקווה, האב איך מיך געזען אז ס'איז נאך דא ארום פערציג מינוט ביזן זמן, האב איך מחליט געווען אראפצוגיין צום אלטן בית החיים, פוקד זיין די ציונים הקדושים פון רבותינו מצוקי ארץ ובראשם דעם הייליגן בעל הילולא דער הייליגן אר"י הקדוש זיע"א.

אומר ועושה, איך בין אראפגעגאנגען און ברוך השם זוכה געווען משתטח זיין על קברות הצדיקים שמה, און דערנאך האב איך זיך געטובל'ט אין מקווה האר"י. ווען איך בין ארויסגעקומען פון מקווה קוק איך אויפן זייגער און איך זע אז ס'איז נאך דא א פערטל שעה ביזן שקיעה, איך האב געהאלטן אויף מיר אפאר מוקצה זאכן, און די וועג ביז צו מיין אכסניה נעמט ארום א פערטל שעה, האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל אניאגן קומען ביזן אכסניה נאך פארן שקיעה.

אראפגיין דעם בארג איז גרינג, אבער ארויפגיין איז שווערער. איך האב אנגעהויבן גייען אויפן גאס האר"י, און אזוי אינמיטן בעטן דעם אייבערשטן, פארט ארויס פון אונטער מיר א קאר וואס איז ארויס פונעם בית החיים, איך האב פרובירט אים צו אפשטעלן, און שכח אייבערשטער זיי האבן זיך אפגעשטעלט. און די פלא איז געווען אז זיי זענען געפארן ממש צום זעלבן גאס ווי איך האב געדארפט אנקומען. צען מינוט פארן שקיעה בין איך שוין געווען צוריק אינעם אכסניה.

שכח אייבערשטער

## נח הערש ווייס - קרית ברסלב:

מוצאי שבת דברים זע איך א אינגערמאן שטיין פארנט פון בית המדרש אין שטעטל זייער פארלוירן, איך פרעג דעם איד מיט וואס איך קען אים העלפן, זאגט ער מיר אז ער האט פארלוירן א ענוועלאופ מיט א גרויסע סכום געלט, האב איך אים געזאגט לאמיר צוזאמען בעטן דעם אייבערשטן "הייליגע באשעפער העלף מען זאל טרעפן די ענוועלאופ מיט די גאנצע געלט".

למעשה האט דער איד געזאגט אז ער טראכט פון צוויי פלעצער וואו עס קען ליגן, איינס איז איין פארנט פון בית המדרש און איינס איז אין פארנט פון מיידל קעמפ.

מיר זענען אהינגעפארן צום מיידל קעמפ, און א גאנצן וועג האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל טרעפן דאס געלט. מיר קומען אן אהין מען גייט ארויס פון קאר און מען גיבט א קוק ביי די פלאץ וואו עס קען מעגליך ליגן, אזוי קיקנדיג זעט מען ווי עס ליגט אויפן ראוד, אזוי צוקנייטש פון אלע קארס וואס זענען געפארן אויף דעם. מען גיבט א קוק אריין אינעם ענוועלאופ און יא עס ליגט דארט די גאנצע סומע געלט וואס איז געליגן פון פאר דעם.

שכח אייבערשטער

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז' מְנַחֶם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט טַעְנָה'עֶן מִיט דַיין וַוייבּ.

**בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן**, אַז דוּ ווִילְסְט אַזוֹי שְׁטַארְק קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים אָבֶּער דַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט, זִי זָאגְט אַז דוּ זָאלְסְט אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן דֶערְפוּן; דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן.

דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן; מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ נִישְׁט טַעְנָה'עֶן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, **מִיט כֹּחַ הָאט נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט גֶעווָאוּנֶען דִי וַוייבּ.**

רֶעד צוּ אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט; זָאג אִיר ווִי שְׁטַארְק דַיין לֶעבְן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט. וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט אִיר זוּךְ נִישְׁט אִיר צוּ אוֹיפְוַוייזְן אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, דוּ זָאלְסְט נָאר רֶעדְן פוּן דִיר, ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט גֵיין.

אַז דוּ וֶועסְט **זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי נְקוּדוֹת**, דוּ וֶועסְט **בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל** אוּן דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט **נִישְׁט טַעְנָה'עֶן** מִיט אִיר אוּן נִישְׁט זוּכְן אִיר צוּ אוֹיפְוַוייזְן אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, דוּ וֶועסְט אִיר מְכַבֵּד זַיין - וֶועט זִי זִיךְ בְּרֶעכְן פַאר דִיר, זִי וֶועט דִיר שִׁיקְן צוּם רֶבִּי'ן מִיט שִׂמְחָה.

**בְּנוֹגֵעַ הֲפָּצָה;** יֶעצְט וֶוען דַיין וַוייבּ אִיז נָאךְ אַ שְׁטַארְקֶע מִתְנַגֶּדֶת וְכוּ' - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַלֶע דַיינֶע פְּלֶענֶער פוּן הֲפָּצָה, זִי פַארְשְׁטֵייט נָאךְ נִישְׁט וָואס מֵיינְט הֲפָּצָה, דוּ זָאג אִיר אַז דוּ גֵייסְט עֶרְלֶעדִיגְן דַיינֶע זַאכְן אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַאכְן הֲפָּצָה.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה, עֶר הָאט גֶעטוּן וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה מֶעג צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר זִיךְ; זַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶר זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט, זִי הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט, זִי פְּלֶעגְט פַארְלַאנְגֶען עֶר זָאל בְּרֶענְגֶען גֶעלְט אָן צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט. רוֹב טָאג אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה אוּן נָאכְמִיטָאג אִיז עֶר אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אָנְגֶעטוּן זַיין טֵייעֶרְן רֶעקְל, עֶר פְּלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר גֵייט צוּם פָּרִיץ, עֶר הָאט גֶעשֶׁעפְטְן מִיטְ'ן פָּרִיץ. זִי אִיז גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה אַז אִיר מַאן אִיז אַזַא פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט, עֶר מַאכְט גֶעשֶׁעפְטְן מִיטְ'ן פָּרִיץ; עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִירְט זַיין גַאנְץ לֶעבְן אָן דֶעם וָואס זַיין וַוייבּ זָאל ווִיסְן וָואס עֶר טוּט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער

## ראש ישיבה שליט"א



# אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

## חֵלֶק א'

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגן דִי בִּנְיָן הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אִין אוּמַאן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** ברוך השם אז מיר קומען נישט קיין אומאן זיך ארום צו דרייען אויף די גאסן, מיר קומען נישט צו פלוני און נישט צו אלמוני, מיר קומען קיין אומאן ווייל דער רבי האט געהייסן קומען קיין אומאן.

אמת, עס איז טאקע נישט אזוי נאנט צום ציון, אבער מאך זיך א חשבון, די פאר טעג פאר ראש השנה און אויך מוצאי יום טוב נעמט מען א טעקסי, עס נעמט צוויי מינוט פון אונזער פלאץ ביז אונטען ווי די באסעס קומען אן, דארט ביסטו ממש ביים ציון. יום טוב אליינס, מאך זיך א חשבון וויפיל מאל גייט מען יום טוב צום ציון, אויב מען שטייט אויף ביים עלות קומט אויס צו גיין איין מאל א טאג צום ציון, ווייל אכט אזייגער שטעלט מען זיך שוין דאווענען ביז צוויי אזייגער, נאכדעם איז די סעודה, נאך די סעודה איז מנחה און א דרשה, און דער טאג איז אריבער.

איך גיי יעדע שבת פון מיין שטוב ביז ישיבה, א וועג פון פינף און צוואנציג מינוט; מענטשן פרעגן מיר, 'פארוואס ציסטו זיך נישט אריבער נעבן די ישיבה, דו גייסט אזא ווייטע וועג', אבער באמת בין איך זיך מחיי', איך קען מיך אביסל אויסשמועסן מיטן אייבערשטן, דאס איז מיין בעסטע צייט אין טאג - ווען איך גיי צו ישיבה און אויפן וועג אהיים, דעמאלט קען איך זיך אביסל אויסשמועסן מיטן אייבערשטן.

דערפאר איז נישט אזוי געפערליך אז מיר האבן גענומען דעם פלאץ ארויס פון די גאנצע טאראראם, ווייל פאר יום טוב און נאך יום טוב קען מען גיין צום ציון מיט א קאר, און יום טוב קען מען כאפן א שטיקל שפאציר און זיך מתבודד זיין דעם גאנצן וועג ביז צום ציון - סיי אהין און סיי אויפן וועג צוריק.

(מכתב ב' חיי שרה תשע"ח)

# א מַעֲשֶׂה פוּן א צַדִיק



## פַּרְנָסָה גֶעבֶּער!

גֶעוֶוען אַמָאל אַ אִיד אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים, וָואס הָאט גֶעהַאט אַ קוּ בַּיי זִיךְ אִין חָצֵר, עֶר פְלֶעגְט מֶעלְקְן מִילְךְ פוּנֶעם קוּ אוּן פַארְקוֹיפְן דִי מִילְךְ, וָואס פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט פַּרְנָסָה.

אֵיין אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוְוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל הָאבְן הַיינְט אַ שֵׁיינֶעם טָאג, אוּן הָאבְן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח, אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטַאל אוּן גֶעטְרָאפְן זַיין קוּ לִיגְן דָארְט טוֹיט.

עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס זַיין קוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, דָאס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען זַיין גַאנְצֶע פַּרְנָסָה. אִיז עֶר אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער זַיין צָרָה וָואס הָאט אִים בַּאטְרָאפְן אַזוֹי פְלוּצְלִינְג. עֶר הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין: "רֶבִּי, מַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן".

דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט אִים פְּרוּבִּירְט צוּ בַּארוּאִיגְן, אָבֶּער דֶער אִיד וֵויינְט אוּן שְׁרֵייט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער וַוייל עֶר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה.

זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים: "דַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן עֶר וֶועט דִיר וַוייטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה; חַס וְשָׁלוֹם צוּ טְרַאכְטְן אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ קוּ, נָאר דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ הָאסְט גֶעהַאט פַּרְנָסָה בִּיז הַיינְט אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דִי קוּ, אוּן יֶעצְט וֶועט קוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג".

מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט זִיךְ דֶער אִיד בַּארוּאִיגְט אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט טַאקֶע גֶעהָאלְפְן דֶעם אִיד הָאבְן פַּרְנָסָה דוּרְךְ אַ אַנְדֶערֶע וֶועג פוּן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פַאר דֶעם.



דִי מַעֲשֶׂה דַארְף מֶען גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן פַאר אֵיין מִינוּט אַז דִי פַּרְנָסָה קוּמְט פוּן דִי אַרְבֶּעט, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט פַארְלִירְן דִי אַרְבֶּעט וֶועט מֶען אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער, אָדֶער אַנְדֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְן גֶעלְט?' נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין זַיינֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶר הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): "מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה הִיא בְּיַד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

(עצתו אמונה ג׳ לך לך תשע״ח)



# דעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס
# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע



| פארזעצונג |

- מ"ב -

**פארזעצונג פון פריער:** ר' בֶּער זַ"ל אַ תַּלְמוּד פוּן ר' יוּדְל זַ"ל הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע בִּלְבּוּלִים, עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט אַרייַנְגֵיין צוּם רֶבִּין. דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, בִּיז עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט אִינְגַאנְצְן פוּן דִי זִיסֶע טֵייעֶרֶע הִתְחַזְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּין.

* * *

דֶערְוַוייל הָאט דִי וַוייבּ פוּן ר' בֶּער שׁוֹין גֶעוָואלְט צוּרִיק גֵיין קַיין דַאשִׁיב צוּ בַּאזוּכְן אִירֶע עֶלְטֶערְן, אִיז ר' בֶּער אַרַיין זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן רֶבִּין אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיטְ'ן צַדִיק ר' יוּדְל זַ"ל אוּן מִיט זַיין חַבֶר דֶער צַדִיק ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק זַ"ל, וַוייל זֵיי הָאבְּן אִים דָאךְ אָנְגֶעוָוארְנְט עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּין.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ פִירְן וַוייטֶער אוֹיף זַיין וֶועג אִין עֲבוֹדַת ה' בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן קֵיינֶעם, עֶר זָאל נָאר וַוייטֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּסֵדֶר, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט חַיוּת אוּן שִׂמְחָה. אוּן וֶוען מְ'וֶועט אִים פְרֶעגְן פוּן וואוּ עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דִי שִׂמְחָה אוּן חַיוּת, דִי הִתְחַזְקוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת, זָאל עֶר זֵיי קְלָאר זָאגְן אַז עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּין.



אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, ר' בֶּער אִיז גֶעפָארְן מִיט זַיין וַוייבּ קַיין דַאשִׁיב, אוּן אִיז דָארְט אַרַיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן גֶעדַאוֶוענְט מִיט גְרוֹיס חַיוּת, עֶר הָאט גֶעקְלַאטְשְׁט מִיט שִׂמְחָה. ר' יוּדְל זַ"ל אִיז גְלַייךְ גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז ר' בֶּער אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין, אַזוֹי וִוי אָבֶּער ר' יוּדְל הָאט אוֹיךְ גֶעזוּכְט נָאר דֶעם אֱמֶת, צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים צוּ דִינֶען מִיט אַן אֱמֶת, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז ר' בֶּער הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, גָאר אַנְדֶערְשׁ וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר בִּכְלַל נִישְׁט בְּרוֹגֶז גֶעוָוארְן אוֹיף אִים, פַארְקֶערְט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים דֶערְצֵיילְן מֶער אִיבֶּער'ן רֶבִּין, אִיבֶּער דִי וֶועגְן אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּין, אוּן ר' בֶּער הָאט אִים טַאקֶע דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין.

ר' יוּדְל זַ"ל אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶערוּפְן אוֹיךְ זַיין חַבֶר ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן ר' בֶּער, אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן אַז זֵיי מוּזְן אוֹיךְ פָארְן צוּם רֶבִּין.

כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר יוּנְג, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען הִיבְּשׁ אַפָּאר יָאר עֶלְטֶער פוּן רֶבִּין, פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי רֵייד פוּן ר' בֶּער, זֵייעֶר הַארְץ הָאט גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז בַּיים רֶבִּין וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען דָאס וָואס זֵיי זוּכְן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי צוּזַאמְגֶענוּמֶען זֵייעֶר גַאנְצֶע חֲבוּרָה צוּ פָארְן אִינְאֵיינֶעם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין.

דִי שְׁטָאט דַאשִׁיב אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע אָרֶעמֶעלַייט אוּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן, אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען אָבֶּער גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְפְלַאמְט צוּ גֵיין צוּם רֶבִּין, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּלָאזְן אוֹיפְ'ן וֶועג צוּפִיס.

אִינְמִיטְן וֶועג זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט טִירְהָאוִויצֶע, צוּם בֵּית הַמִדְרָשׁ פוּנֶעם מַגִיד, אוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי וִוידֶער גֶעהֶערְט גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן אוֹיפְ'ן רֶבִּין, וַוייל דֶער מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּם רֶבִּין, הָאבְּן זֵיי דָארְט גֶעמַאכְט אַ פְרִישֶׁע הִתְעוֹרְרוּת בַּיי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ מִיטְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין.

זֵיי זֶענֶען אַלֶע אָנְקוּמֶען קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן צוּ זֵייעֶר פְרֵייד אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גְרֶענִיץ. כָאטְשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן נָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעזֶען דֶעם רֶבִּין, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁפִּירְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זִיסְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק אִין הַארְץ, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין צ"ד.) "אַף עַל גַב דְאִיהוּ לֹא חָזִי, מַזְלֵיהּ חָזִי", אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט גָארְנִישְׁט, וֶועט אָבֶּער זַיין מַזָל שְׁפִּירְן אוּן זֶען.

אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק ר' יוּדְל אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶלְטְסְטֶער פוּן זֵיי אַלֶע, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט אַרַיינְגֵיין צוּם עֶרְשְׁט רֶעדְן צוּם רֶבִּין.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# שעמען פון וועמען?

ישראל דוד העסקעל

**תכלית** וועלכע זאך דיר האט געכאפט דארט אין ברסלב ביי דער ראש ישיבה? וועלכע נקידה רעדט צו דיר אז ממש דו שפירסט אז דאס איז דיין פלאץ? וועלכע זאך האט דיר געגעבן א שאקל אויף פארן לעבן?

אזוי האב איך זיך געטראפן ארומגענומען מיט קשיות אלע סארט מענטשן פון יעדן איינעם. דער איז נייגעריג, דער פרעגט סתם, א צווייטער וויל פשוט פארשטיין, דער דריטער איז מקנה ער וויל אויך...

אבער די תירוץ איז ביי אלע אייניג - אלע!

יעדע נקודה, יעדע שיעור, יעדע שורה אין אשר בנחל און עצתו אמונה, יעדע ניגון, יעדעס ברעקעלע חיזוק און הדרכה מיינט מיר, ס'רעדט דירעקט צו מיר ס'מאכט מיך זיין אן ערליכער איד ס'זעטיגט מיין נשמה ס'מאכט מיך זיין פרייליך און אפ געהיטן, ס'מאכט מיך עפענען יעדן טאג א ספר און האבן



שיעורים און אלע מקצועות התורה ס'מאכט מיך וועלן לויפן אין שוהל דריי מאל א טאג און אזוי ווייטער...

איך קען נישט אנכאפן איין פינטעלע און זאגן דאס איז עס... דער שיעור דינסטאג בהעלותך דאס איז מיין שיעור ווייל יעדער שיעור און יעדער בריוו איז א באזונדערע מתנה וואס רעדט דירעקט צו מיר וואס איך בין זיך מחיה מיט דעם וואס איך בענק צו דעם און איך אידענטיפיציר זיך מיט דעם.

נישט נאר די ערשטע זיבן שיעורים... נאר יעדע איינציגסטע שיעור זינט דעם ערשטן שיעור וואס איך האב זוכה געווען צו הערן איז נאך א שיעור פאר מיר נאך א חיזוק נאך לימוד נאך א עצה יא יעדעס איינציגסטע שיעור איז דירעקט ממש פאר מיך ביז...




ביז דעם פארגאנגענעם מוצאי שבת האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן רעדן זאכן וואס איך פארשטיי נישט! ניין דא זעה איך זיך פלוצלינג נישט דאס איז נישט עפעס וואס ווייס פון אדער פארשטיי אפילו, פאר מיר האט עס נישט קיין זין ס'מאכט נישט קיין ברעקל סענס!

דער ראש ישיבה בעהט זיך ביי אונז שעמט ענק נישט פונעם רבי'ן מיר מאכן א קאמפיין פאר אונזערע מוסדות פאר אונזער עתיד פאר אונזער קינדער פאר אונזער פלאץ דער ראש ישיבה זאגט אז ס'דא מענטשן וואס פאר זיי איז גרינגער צו געבן א צענער פון טאש ארויס ווי איידער צו בעטן ביי חברים און משפחה זיי זאלן העלפן די פלאץ וואס איז זיי מחיה!

וואאאאס??? וויפל לינקס פון חברים, פאון קאללס, אימעילס און טעקסט מעסעדשעס באקום איך א טאג פון מענטשן וואס איך קען זיי ניטאמאל איך האב נישט מושג ווי אזוי זיי קוקן אויס אדער ווער זיי זענען נאר עפעס א בחור האט אמאל געבארגט מיין טעלעפאן און שוין בין איך ארויף אויף זיין ליסט.

זיין כולל האט נעכטן געמאכט א מסיבה און זיין זוהנ'ס מוסד גרייט זיך שוין צו פארענדיגן די בנין אויף מ'האט שוין געמאכט דריי קאמפיין'ס דער איז א וואלונטיר אין א ארגענעזעישן וואס טיילט אויס ריפלעקטערס אין דער האט א פעידש פאר זיין ידיד וואס האט אנגעהויבן איבערבויען עפעס א בית החיים, אלעס פיינע וואוילע צוועקן.

קיינער טראכט נישט קיין צוויי מ'נעמט א פעידש און מ'הייבט אן "אביוזן" די קאנטאקטס, ער רופט צען מאל, און שיקט אימעילס, ער לאזט נישט אפ ביז ער זעהט פון מיר א דאנעישן אויף זיין פעידש, און נאכדעם בעהט ער מיר נאכאמאל אפשר דאך לייג ארויף נאך אביסל, איך בין קוים פופציג דאללער צו פארענדיגן מיין גאול...

קיינער האט נישט קיין בושות קיינער





שעמט זיך נישט ער האט א געפיל פארן צוועק איז ער גרייט אלעס צו טוהן אבי צו קענען עפעס ארויסהעלפן.

איז דאך כל שכן וכל שכן קל וחומר בן בנו של קל וחומר אז דא ביי אונז וואו מיר האבן א ראש ישיבה וואס איז זיך יעדן טאג מוסר נפש אז פאר אונז זאל זיין גוט, ער בלוטיגט פאר אונז אז מיר זאלן האבן ווי צו דאווענען וואו צו קענען שיקן די קינדער אין די בעסטע מוסד אין די וועלט אויפגעשטעלט מיט די צען פינגער מיט מסירת נפש פאר אונז א גאנצע שטעטל מיר זאלן קענען האבן א אנגענעמע רואיגע לעבן, זיך געזארגט אז אין יעדער ווינקל אין דער וועלט זאל זיין א פלאץ פאר אידן צו קענען קומען נעמען חיזוק.

און ווער רעדט נאך פון די סדר החיים וואס דער ראש ישיבה האט פאר אונז וועקגעשטעלט אז די לעבן זאל אונז גארנישט קאסטן, אז מיר זאלן נישט לעבן מיט די גאס, אז א אידישע שמחה זאל זיין פרייליך און אונזערע דורות זאלן זיין אפגעהיטן. און ווער רעדט נאך פון די אלע חסד וואס טוט זיך אין היכל הקודש, א בית התבשיל, א קימפעטארין היים וואס דער ראש ישיבה שטעלט אוועק, א קליידער געשעפט וואס ס'קאסט צוויי מאל גארנישט צו קענען אויסשטאפירן א משפחה.

צו דעם קומען צו די גרויסע מוסדות היכל הקודש אלוועלטליך די חדרים און מיידל שולע, ישיבה און כולל וואו ס'וואקסט אונטער די קומענדיגע דור פון ערליכע אידן. און אויך דעם גרויסן בנין וואס דער ראש ישיבה האט פאר אונז אויפגעבויט אין אומן. די קעמפס. און אלעס אויף די העכסטע סטאנדארד אז מיר זאלן קענען לעבן א זיסע רואיגע לעבן.

יעדער בר דעת ווייסט אז דא רעדט מען נישט פון א מיליאן דאלאר נאר פון מיליאנען דאלארן מיט מסירת נפש ממש. און יעצט קומט דער ראש ישיבה און בעט ביי אנשי שלומינו יעדער זאל צולייגן אביסל א פלייצע כפי יכולתו אז מ'זאל ווייטער קענען ממשיך זיין אויפצובויען היכל הקודש ברסלב לשם ולתפארת פאר אונז! פאר מיר און פאר דיר.

וואס רעדט דער ראש ישיבה וועגן?

ווער שעמט זיך?

מיט וואס איז דא זיך צו שעמען?

ס'דארף זיין דער גרעסטער שטאלץ פאר א מענטש אנצורופן זיין חבר זיין ברידער זיין קאזין זיין שכן און זאגן "איך האב זוכה געווען צו קענען זיין א חלק פון די שענסטע קהילה אויף דער וועלט".



מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

# רענט קאמפיין

הֵיטִיבָה ה' לַטּוֹבִים וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

# פרנס החודש

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר ידידינו

**מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו**

**מו"ה שמשון צבי טייטלבוים הי"ו**

וואס האבן אפגעקויפט די זכות פרנס החודש

## חודש אב

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבינ'ס מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פול סייעתא דשמיא

פרנסי השנה

מו"ה שמוליק בלעדי הי"ו

מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו



ס'איז מיין גרעסטער שטאלץ צו קענען נעמען א פעידש און זיין א חלק פון דער קאמפיין!

וואו איז בכלל דא א פלאץ פאר בושה? בושה וועט זיין ווען איינער וועט אייך פרעגן איר זענט א ברסלב'ער פארוואס האט איר מיך נאכנישט געקלינגן? זיכער וויל איך געבן וואס איז בכלל די שאלה!

א מחיה אז מיר שעמען זיך נישט פונעם רבין! א מחיה אז מיר האבן די זכיה צו קענען זיין א חלק פון היכל הקודש ברסלב! א מחיה אז מיר האבן א זכות און געלעגנהייט צו קענען העלפן דער ראש ישיבה וואס איז זיך יעדן טאג פון פריש מוסר נפש פאר אונזער וואויל זיין.

שכח אייבערשטער אז מיר קענען נעמען א פעידש אין צוועק וואס מ'קען זיין שטאלץ מיט און זיך נישט דארפן מיט דעם שעמען - א מחיה!

MIRI

A ONE TIME OPPORTUNITY
YOU DON'T WONT TO MISS!!

ALL WIGS $400 OFF!!!!

JULY 30
85 Radcliff Rd Ferndale, NY 12734
11:00 am - 5:00 pm


בס״ד
אריין אין ביזנעס?
אלעס שטייט גרייט, די לאוגא איז שוין געפרינט אויף די טי שורטס, מ׳ענדיגט שוין פלאנירן די גראנדיעזע גרענד אופענינג, זיי ווייסן שוין אז פאר אינשורענס דאגה׳ט מען נישט בכלל, מ׳גייט צו די פראפעשענעלס.
GNP
INSURANCE BROKERAGE
ISRAEL ZELKOWITZ
Israelz@gnpbrokerage.com
347 661 2579
845 407 2614
Protect yourself wisely.
MarketEdge



# דענקן די חובות

ל. שיינער



די ווייבעלע וואס איך באגעגן דא נאכאמאל און נאכאמאל, האט שטארק געצויגן מיין אינטערעסע. איר אנטון און אויסערליכע קליידער איז גראדע זייער פשוט, עס זעט נישט אויס ווי צופיל קאפ און מח האט זי געשפענדעט פאר דעם, נאר ס'מוז זיין עפעס א מעשה טראגט זי מיט זיך. וואס ליגט אינטער די אויפגעלייגטע שמייכל וואס ווערט נישט אפגעווישט פון איר שטראלנדיגע פנים?

איר שמחה האלט אן 24/7 אן צו אויסוועפן, ממש ווי מ'זאגט 'די גליק האט איר באטראפן'!

די פרוי זעט דוקה נישט אויס ווי א אינגע ווייבלע וואס האט געהאט די ערשטע קינד א יאר פון די חתונה.

איך רוף איר 'ווייבעלע' נאר וועגן איר פרישקייט און לעבהאפט וואס איז פונקט ווי א פרישע מאמעלע

<<<







זי זעט בכלל נישט אויס ווי די סארט וואס האבן פארברענגט זייער טעג און יארן זיצנדיג ביים ים, און לעקן אייז קרים, בראטנדיג זיך אינטער די זון שטראלן. נאר פון איר געזוכט שטריכן וואלט איך ענדערש אפגעליינט אז אסאך לעבן ערפארונג און רוישיגע וואסערן איז אויף איר אריבער.

* * *

צווישן אלע אומבאקאנטע אין עס זאל פונעם קימפעטארן היים, פרוביר איך צו טרעפן א היימישע פנים. יעצט איז שוין מיין צווייטע טאג וואס איך בין דא, און פון ערפארונג ווייס איך שוין אז אפילו די ערשטע טאג איז מיר געווען שווער זיך צו מאכן חבר'טעס וועל איך צוביסליך מאכן היימיש, און צום סוף וועל איך נאר וועלן בלייבן נאך איין טאג.

אבער קוקט אויס אז מיין מזל שפילט נישט יעצט, און איך וועל זיך טרעפן א פלאץ נעבן אומבאקאנטע פנים'ער. און אז איך וועל נישט דוקא טרעפן א שפראך מיט זיי, וועט עס אויך אריבערגיין.

אבער פאר יענע פשוטע ווייבעלע וואס איך זע רעדן מיט אזא מין פריילעכקייט אן צו ווערן מיד, לוינט זיך צו לייגן אלע בושות און צוריקגעצויגענקייט אין א זייט צו קענען כאפן מיט איר א שמועס.

א קליינע זיסע תפילה בעט איך דעם אייבערשטן, עס זאל אויסקומען א גוטע געלעגנהייט, און אה! זי זיצט דא אין די גרויסע לופטיגע צימער ווי מ'שאקלט זיך אזוי רואיג אויף די ריקליינערס בשעת'ן זיך אפגעבן מיט די בעיבים.

**נאכן הערן א חלק פון איר ערציילונג, און נאכדערצו די ווען וויאזוי זי לייגט עס אראפ מיט אן אמת און ווי זי איז אזוי איבערגעגעבן אין די הענט פונעם אייבערשטן, האב איך זיך געשעמט פון מיר אליין**

איך מאך זיכער "פונקט" צו טרעפן א פלאץ נעבן איר, און איר סוד האט נישט פארשפעטיגט ארויסצוקומען. זייער גרינג איז עס געגאנגען צו אנטפלעקן וואס ליגט אינטער איר טיפע אומצושטערבארע שמחה, ווייל זי האט טאקע נישט מסיח דעת געווען דערפון. כמעט וואס זי האט נישט גערעדט פון עפעס אנדערש.

אין איין אטעם האט זיך פארציילט ווי איר לעבנ'ס וואונטש איז געקומען צו אן אמת, און עס איז נישטא א גרעסערע גליק פון דעם, זי האט דערגרייכט די שפיץ! זי האט געהאט א קינד! א געזונטע! וואס די ווייכע הענט און פיס באוועגן זיך מיט אן אמת! מ'קען עס אנכאפן און שפירן די ווארעמקייט און ליבשאפט!

מיין פנים איז געווארן אביסל רויט טראכטנדיג, און וואס איז מיט מיר? איך האב געמיינט אז איך פארשטיי די חשיבות פון א קינד. איך האב יעצט געהאט א אינגל נאכדעם וואס מיין איינציגע יונגל איז שוין כמעט א בר מצוה בחור, איך האב אפאר מיידלעך, נישט אזוי נאנט אין יארן איינס צו די אנדערע.

איך בין געווען זיכער אז איך האב עס ארויס - די טיפע אמת'ע הנאה וואס נאר א קינד קען ברענגען, און ווען איך רעד צו מיינע באבעס פון דעם, ווערן זיי ממש צוריק יונג נאך דערמאנענדיג זיך מיט נאסטאלגיע פון זייער אייגענע מעשיות, זכרונות און ניסים, וואס זיי זענען דורך ביי יעדע פון זייער אייגענע קינדער. הא די זיסע יארן... אזוי שנעל אוועקגעפארן....

אפליינענדיג אביסל מיינע געדאנקען, האט מיין ניי געווארענע חבר'טע נעבן מיר זיך אויסגעדרוקט: "איך שפיר ווי אומשאצבאר עס איז די מתנה פון באקומען א קינד גלייך פון אייבערשטן גלייך צו מיר. עס איז א נייע קשר מיט'ן אייבערשטן. א פרישע קשר מיט מיין מאן צו בויען א משפחה'לע, ווייל דאס איז אנגעקומען צו מיר נאך 24 יאר פון



האפן צום אייבערשטן. 24 יאר פון בעטן, בעטן און נאכאמאל בעטן ביי יעדע געלעגנהייט, ביי פרייליכע צייטן און אויך אין צייטן ווען איך האב געשפירט פארלוירן. איך האב נאכאמאל און ווידעראמאל אויסגעגאסן מיין הארץ צום אייבערשטן. און ווען איך האב געפילט אז מיין טרערן זענען שוין פארטרוקנט און איך וויל שוין אויפגעבן, האב איך געזוכט סיי וועלכע קליינע זאך זיך צו מחזק זיין און זיך פארשטעלן ווי דער אייבערשטער שטייט פאר מיר און הערט מיר צו, און ער ווארט נאר אויף נאך אביסל תפילה."

האט מיין נייע חבר'טע ווייטער דערציילט: "עס איז אסאך מאל דורך גאר שווערע צייטן וואס דאקטוירים האבן פרובירט צו העלפן, אבער עס איז דורכגעפאלן איין מאל נאכן צווייטן, ווען די דאקטוירים האבן מיר געגעבן צו שפירן אז מיין האפענונג איז אויף בַּאלָאנען אנגעפילט מיט לופט וואס וועט זיך סייווי געבן א צוקראך. אויסער די פיזישע צער און ווייטאג וואס איז אויף מיר דורך, האב איך געארבעט שווער צו אויפהייבן מיין מוט און נישט ווערן געפאלן."

די אלע ערציילונגען האט מיין נייע חבר'טע אראפגעלייגט מיט א באהאלטענע שמייכל מיט דאנק צום אייבערשטן אן קיין שום סימן פון אנגעלייגטע צער, ווען איך ווער ממש קליין ביי זיך פון איר שטארקייט. ערקלערט זי ווייטער: "צווישן אנדערע פרויען און חבר'טעס האב איך זיך אפטמאל געשפירט אומבאקוועם. פלעג איך צוגיין צום שפיגל פארן ארויסגיין צו א שמחה אדער צאמקום, און איך האב געזאגט צו מיר אליין אז איך בין גוט און דער אייבערשטער האט מיר ליב, דער אייבערשטער העלפט מיר פונקט ווי ער העלפט מיינע אלע אנדערע חבר'טעס, און נאר נאכן זיך אליין מחזק זיין האב איך געהאט די שטארקייט ארויסצוגיין צווישן מענטשן און נישט ווערן געפאלן ביי מיר."

נאכן הערן א חלק פון איר ערציילונג, און נאכדערצו די וועג וויאזוי זי לייגט עס אראפ מיט אן אמת און ווי זי איז אזוי איבערגעגעבן אין די הענט פונעם אייבערשטן, האב איך זיך געשעמט פון מיר אליין מיט דעם וואס איך האב געמיינט אז איך פארשטיי גענוג צו שעצן מיין אוצר וואס ליגט ביי מיר אין מיין אייגענע הענט!

וואס איז יעצט געבליבן פון מיר איז א פשוטע 'בעל חוב', איך האב זיך געכאפט וויפיל חובות איך האב צו דאנקען דעם אייבערשטן. ווי געב איך זיך אן עצה מיט די אלע חובות??

וועל איך ווייטער נאכקוקן מיין נייע חבר'טע.

איך קוק זיך צו ווי זי פרובירט אריינלייגן די בָּאטי אין די קליינע מויל און זי שמייכלט פון זיך אליין ווי זי קען זיך נישט אן עצה געבן, זי פילט אזוי אומבאפארעט און אזוי אומערפארן, אבער ביי יעדע זאך וואס זי קען נישט, גליטשט זיך ארויס נאך ווערטער פון ליב און דאנק צום אייבערשטן. זי ווייסט נישט וויאזוי צו איינוויקלען די בעיבי - שכח אייבערשטער די הענטלעך רוקן זיך. זי ווייסט נישט וויאזוי צו בארואיגן אז די בעיבי זאל וועלן טרינקן די בָּאטי - שכח אייבערשטער ס'דרייט זיך די קאפ, שכח אייבערשטער, שכח אייבערשטער.

אַהאַ, אקעי, יעצט האב איך שוין מיין הדרכה, מיין עצה ווען איך קום צוריק אהיים צו מיין שטוב, זאכן הייבן אן צו גיין נישט פונקט ווי איך האב ליב, חפצים און וועש טוהן ארומפליען, איך זיך אפאר מינוט צו רוען.

די הויז ווערט נישט מסודר,

די בעיבי וויינט שוין ווידער,

און ווען די קינד קען שוין אויסגיסן און איבערדרייען,

ער לייגט זיך אראפ אויף די ערד צו קאפען און שרייען,

און ווען ער וויל נישט אריינגיין אין בעט,

אפילו נאך א קוש מיט א גלעט,

ער האלט זיך אין איין מאכן שמוציג,

און ווילדעוועט ארום היציג,

וועל איך אלעמאל טרעפן נקודות טובות,

צו דאנקן דעם אייבערשטן, און דעקן מיינע חובות!



# קלאסיפייד

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM







## קומט איר קיין ארץ ישראל?

מיר האבן א גרויסע אויסוואל פון דירות צו פאַר דינגען אין מירון, צפת, טברי', ירושלים און נאך

ישראל מאיר קרסיאנסקי
718-734-7393

## ROYAL SHOES LOCH SHELDRAKE

Seeking assistant in the store to help with our customers (women/girls). Will train. Very positive, ehrliche environment.

Pleass text **845 434 5185** or call after **7:00** pm

## Electrolysis, Tinting, Waxing.

Coming down to your colony. Conditions comply.

For appointment call
A. Appeldorfer
845-537-9681

בס"ד

## KB BUSINESS SOLUTIONS

BOOKKEEPING SERVICES

Kbbsbookeeping@gmail.com
1-845-293-7667

**Did you open a new business?**

**Is your business not running properly?**

**Do it the RIGHT way!**

- QuickBooks Setup
- Account Receivable
- Accounts Payable
- Sales Tax
- Daily Cash Management
- Collections

# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT



**mint COLLISION**

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי׳ לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com

קרית
# ברסלב
בלעטל

## קינדער אפטיילונג
פרשת ואתחנן

## חידות
אפטיילונג

**ווען דער הייליגער רבי האט מגלה געווען דעם תיקון הכללי האט דער רבי געזאגט: די ערשטע תיקון איז**

א. מקוה
ב. התבודדות
ג. שמחה
ד. שילוח הקן

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט געזאגט: מען זעהט קלאר אז אלע עשירים זענען
**משוגעים**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**ישראל יוסף אינדיג נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף
די ווערטער

איך האב זייער הנאה צו הערן אז איר זאגט תהילים און איר רעדט צום אייבערשטן; וואס **קען זיין שענער און בעסער פון זינגען תהילים און רעדן צום אייבערשטן...**

זעט צו העלפן אייער מאמע אין שטוב, **נישטא קיין גרעסערע מצוה ווי העלפן די מאמע**; אז איר וועט העלפן אייער מאמע מיט שמחה - וועט איר מאכן א גרויסע נחת רוח פארן אייבערשטן.

(עצות אמונה פרשת קרח תשפ"ג)

| | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ר | ע | ד | נ | ר | ט | ה | א | ס | ל | ר | ר | ר | ע | ט |
| מ | ו | ב | פ | ו | ח | ע | ל | צ | ג | ר | ע | ס | ע | ר | ע |
| ק | ג | ל | צ | ט | א | ת | י | ג | א | צ | י | כ | י | מ | ו |
| ש | ע | א | ד | צ | י | א | ס | י | צ | ו | מ | א | פ | ח | ו |
| ה | י | פ | י | ד | י | פ | ר | ק | ז | ו | צ | י | ש | א | ת |
| ש | ש | ר | ו | י | ב | ע | ס | ע | ר | י | נ | נ | ת | י | כ |
| נ | י | מ | ז | נ | ע | ע | ע | ש | א | ש | מ | ח | ה | י | ק |
| א | ר | א | א | ק | ר | ר | י | ק | כ | ע | פ | ע | י | ב | פ |
| ק | ש | מ | ו | מ | ש | מ | ג | ת | ח | נ | פ | ד | ל | ע | ח |
| א | ט | ע | נ | ה | ט | ז | א | ר | ד | ע | ס | ד | י | ר | ס |
| ר | ו | ח | א | ע | נ | י | ח | כ | ו | ר | א | מ | מ | ש | ג |
| ד | ב | נ | פ | ה | ט | נ | ז | כ | נ | י | ח | י | ב | ט | ע |
| צ | ה | ס | י | א | ק | ג | ר | א | מ | ר | ס | א | כ | נ | ר |
| ח | ע | צ | מ | נ | ר | ע | ה | מ | י | ט | ה | ע | ו | מ | ע |
| ב | מ | צ | ט | א | ד | נ | נ | ק | ג | ר | ע | צ | ו | ה | ר |
| א | צ | ע | ס | ט | מ | נ | י | ר | י | ה | ל | צ | א | י | ה |
| ס | ו | ע | מ | א | מ | ע | פ | ש | ט | י | פ | ט | ס | ז | א |
| ו | ה | נ | א | נ | י | י | ז | ל | ט | ע | נ | כ | א | ט | ז |
| י | א | י | י | ע | ר | ו | צ | מ | ע | א | ז | א | ג | ט | מ |
| מ | מ | צ | ה | ד | ד | ו | ג | מ | ז | ה | ק | ד | ל | צ | ס |

## טרעף די וועג

כאפט אייך אריבער פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



## שטיקעלע ספר המדות

# הַכְנָסַת אוֹרְחִים

ז. כֵּיוָן דְּלָא שְׁכִיחֵי רַבָּנָן גַּבַּיְהוּ כַּכּוּתִיִּים דָּמֵי.

אַזוֹי וִוי עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט קֵיין רַבָָּנִים בַּיי זֵיי, דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי אַזוֹי וִוי דִי כּוּתִיִּים.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות: "דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון מוהרא"ש דערמאנען דיך די בילדער?



ענטפער פון פאריגע וואך

מוהרא"ש האט געזאגט: "ווער עס בענטשט אין א בענטשער וועט האבן אסאך געלט!"

טרעף
די חילוקים

טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער







אנשי שלומינו איבער די גארער וועלט האלטן שוין טיף אינמיטן די
העפטיגע צוגרייטונגען צום הייאריגן קאמפיין אנשי חיל #6

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

לאה'לה שטרויס תחי' - וויליאמסבורג פארציילט:










לאה'לע קרויס תחי' - וויליאמסבורג פארציילט:









# בילדער
## אפטיילונג

קרעדיט: יעקב פיש



א בליק אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים

קרעדיט: שמעי' וואקס



א בליק אין תלמוד תורה היכל הקודש טברי'

קרעדיט: יוסי פרערויא



א פארברענג מיט די בחורים - מאנטאג דברים

קרעדיט: יוסי פרערויא



א טאנץ מיטן חתן משה בלוי נ"י - מאנטאג דברים

קרעדיט: משה רעכניצער



מען מאכט גרייט די נייע סידי פונעם ראש ישיבה "א מופת בין איך" אין בני ברק



מען ריקט זיך פאראויס ביים מקוה אין בית המדרש ליקוטי מוהר״ן



מען ריקט זיך פאראויס ביים מקוה אין בית המדרש אשר בנחל



קרעדיט: אייזיק ראטא

דף גמרא שיעור אין גן עדן התחתון



ביים באטראכטן א פרישן ספר



קרעדיט:שמעון פארטיגאל

בחורים שיעור - מיטוואך דברים



קרעדיט: אייזיק ראטא

די קינדער פארברענגען אין קעמפ



קרעדיט: אייזיק ראטא



קרעדיט: אייזיק ראטא

אקטיוועטי פאר די קינדער אין אינגל קעמפ







**שחרית ראש חודש אב מיט די קינדער**




**קביעת מזוזה אינעם בנין אברהם הערש דורכ׳ן ראש ישיבה שליט״א**




**קביעת מזוזה אינעם בנין אברהם הערש דורכ׳ן נדבן מו״ה אברהם הערש וועבערמאן הי״ו**




**ראש חודש סעודה צוזאמען מיט סיומים פון די חשובע קינדער**




דער ראש ישיבה איז משמיע דברות קודש




סיום משניות דורך מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו







ביים רעדן צו די קינדער אין זייער כיתות אין וואלד







ביים רעדן צו די עלטערע קינדער







ביים רעדן פריוואט צו די קינדער




ביים איבערקוקן הגהות אויפן עצתו אמונה חלק ח'




פרישע פארקינג לאט פארנט פון האשקי שול



מפיצים פון בני ברק ביים איינקויפן פרישע ספרים אין בית הדפוס יבנאל עיר ברסלב



מען ריקט זיך פאראויס מיט די קאנסטרוקציע ביים בית המדרש אויף רעדקליף




דער ראש ישיבה באזוכט אידן אין תפיסה - ג' דברים



קבועות מזוזה ביים נייעם אפיס בנין פון מו"ה אברהם יושע וועבערמאן - א' דברים



א בליק אינעם פיש סטאר אינערהאלב די לעמאנגעיד גראסערי אין שטעטל



סיום משניות פון מו"ה אהרן שווארץ הי"ו ביים ציון מוהרא"ש - ר"ח אב

# ראש השנה
# אומאן
## תשפ"ד

באקוועם | אויסגערוהט | עלעגאנט | היימיש



## פלען איט רייט

### טשארטער 1:
**ארויס:** מאנטאג, כ"ה אלול
LEAVES: SEP 11, 10:30 PM | ARRIVES: 1:30 PM

**צוריק:** מאנטאג, צום גדליי
LEAVES: SEP 18, 5:45 PM | ARRIVES: 9:45 PM

### טשארטער 2:
**ארויס:** דינסטאג כ"ו אלול
LEAVES: SEP 12, 10:55 PM | ARRIVES: 1:45 PM

**צוריק:** מאנטאג, צום גדליי
LEAVES: SEP 18, 1:45 PM | ARRIVES: 5:45 PM

**באקוועמע פליגער עטה"ק**

היימישע געשמאקע מאכלים א גאנצע וועג

**פרייז רעכנט אריין אלע אינערליכע רייזעס ביז עיה"ק אומאן, מיט די פריוואטע פלען איט רייט באנען**

# טשארטערס
קיין ריישא פוילין

**ECONOMY: CHARTER 1:** WAITING LIST ONLY **$2800 | CHARTER 2: $2500**

**$4500 PREMIUM ECONOMY | $7550 BUSINESS**

**אפציע 3:**

כאפט אייך מיט אויף איינע פון אונזערע **22 גרופ-טיקעטס**
צו פילע דעסטענאציעס ארום אוקריינא,
לויט אייער באקוועמליכקייט (רומעניא - קישענוב - פוילין)

פרייזן אנגעהויבן פון $899

היות מיר וועלן הערשט באשטעטיגן חודש אלול די גענויע באנען צייטן

**דעריבער וועלן מיר נאר פארקויפן פריוואטע באנען-טיקעטס פון ר"ח אלול**

## פלען איט רייט טשארטער באן
### פשעמישל-פוילין קיין אוקראיינע

**טשארטער באַן 1:**
ארויס: דינסטאג
צוריק: מוצאי יו"ט

**טשארטער באַן 2:**
ארויס: מיטוואך
צוריק: מוצאי יו"ט

**באקוועמע באנען עטה"ק**

היימישע געשמאקע מאכלים א גאנצע וועג

**אריינגערעכנט די רייזעס פונעם באן ביז אומאן**

די שנעלסטע און גרינגסטע וועג אריבער צו גיין די גרעניץ



**פרייז: $595**

Plan it Rite

**845.678.3555**
www.planitrite.com

קיין אומאן פארט מען מיט פלען איט רייט

ראש השנה שלי עולה על הכל - קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאנדין



בס"ד
דגים בכל מטעמים
א פולע ליין פון
פרישע פיש
לכבוד שבת
דעליווערט אין די קעטסקילס
פון טייך צום טיש
געפילטע פיש | געבאקען | געקאכט | רויע פיש
YEAR-ROUND DELIVERY
Coming to the mountains for Shabbos? Make your stay even better, with just one phone call get your fish delivered straight to your doorstep. Place your order till Friday morning and enjoy the convenience of having your fish delivered anywhere in Sullivan County.
ועד הכשרות
קרית ברסלב
DELICIOUS FISH
Liberty NY
Call 845.747.0093

# מיר דארפן נישט אייער געלט!



אנשי חיל


מיר בעהטן
פאר אייער
הארץ!
די הצלחה איז
ווייל יעדער
נעמט א חלק
אנשי
חיל
י״ד - ט״ז
מנחם אב
$1,000,000


יעדער איינער
נעמט א חלק
האט איר שוין
גענומען א פעידזש?
DRYVEUP.COM/BRESLEV | 718-568-5743


יעדעס
ביסל
$1,000,000
י"ד - ט"ז
מנחם אב
אנשי
חיל

# פילט אן
# דעם שיסל

די הצלחה איז
ווייל יעדער
נעמט א חלק



האט איר שוין
גענומען א פעידזש?

DRYVEUP.COM/BRESLEV | 718-568-5743

מעמד

# הכרת הטוב

אנשי חיל

תשפ״ג

מיר ווילן אייך פערזענליך איינלאדענען צום געשמאקען
פארברענג ווי מען וועט איינאיינעם ארבעטען און געבן דעם
לעצטן שטופ אנצוקומען צום ציל

(עס וועט בעז״ה זיין צוגעשטעלט אלעס וואס פעלט זיך אויס, און עסקנים ארויסצוהעלפן מיט אלעס!)

און פארענדיגען מיט א

## מעמד הכרת הטוב

## בראשות הראש ישיבה שליט״א

פאר אלע אנשי שלומינו וואס האבן
אנטייל גענומען אינעם אנשי חיל קאמפיין.

וואס וועט פארקומען די לעצטע
טאג פונעם קאמפיין אינעם הערליכן זאל

## הורליוויל ארט סענטער

219 Main St. Hurleyville, NY 12747

## זונטאג פרשת עקב הבעל״ט

ולמספרם August 6

## א גאר רייכע דינער וועט פארקומען

די טוירן וועלן זיך עפענען 4:00 נאכמיטאג

דער מעמד איז מיוחד נאר פאר מענער

מיר ערווארטן אייך אויפצונעמען
העסקנים